**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/21/2021 **גאווערנאר קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו פארבעסערן העלטקעיר סערוויסעס**

***לעגיסלאציע S.2119/A.228 איז איבער קוועלער פון פלאסמא צענטערס***

***לעגיסלאציע S.4377/A.6222 פארלאנגט פון נורסינג האָומס אנצובאטן איבערזעצונג פון פאציענטן רעכטן און פארלאנגט צו ווייזן קאנטאקט אינפארמאציע פאר ניו יארק׳ס לאנג-טערמיניגע אויפפאסונג אמבודסמאן פראגראם***

***לעגיסלאציע S.3543/A.3050 איז פארבינדן מיט ארבעטסקראפט אנטוויקלונג***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א לעגיסלאטיווע פעקל געצילט אויף פארבעסערן העלטקעיר סערוויסעס. לעגיסלאציע S.2119/A.228 אויטאריזירט פארזאמלען קוואל פלאסמא ביי קוואל פלאסמא ביישטייערונג צענטערס. לעגיסלאציע S.4377/A.6222 פארלאנגט פון נורסינג-האָומס אנצובאטן דאס איבערזעצן פון פאציענטן רעכטן אין די מערסט געניצטע נישט-ענגלישע שפראכן און פאדערט דאס ווייזן קאנטאקט אינפארמאציע פאר ניו יארק סטעיט׳ס לאנג-טערמיניגע אמבודסמאן פראגראם. לעגיסלאציע S.3543/A.3050 איז איבער ארבעטסקראפט אנטוויקלונג דורך פארלאנגען געוויסע פראפעסיאנעלן צו באזארגן אינפארמאציע איבער די פראקטיצירונג פון זייערע פראפעסיעס, און פאר דער סטעיט עדיוקעשען דעפארטמענט דאס איינצוזאמלען.

״נאך די פרעצעדענטלאזע אנגעשטרענגטקייט וואס דער פאנדעמיע האט געשטעלט אויף אונזער העלטקעיר סיסטעם, איז קריטיש וויכטיג אז מיר נעמען שריטן צו פארזיכערן אז מיר זענען בעסער צוגעגרייט אין דער צוקונפט,״ **האט גאווערנער האקול געזאגט.** ״די לעגיסלאציע וועט ערמעגליכן פאר ניו יארק צו האבן א שטערקערע אפרוף פאר צוקונפטיגע קריזיס, און איך שטאלציר מיך אונטערצושרייבן די בילס אלס געזעץ צו פארברייטערן צוטריט צו העלטקעיר און פארשטערקערן סערוויסעס פאר אלע ניו יארקער.״

לעגיסלאציע S.2119/A.228 אויטאריזירט דאס פארזאמלען פון קוואל פלאסמא ביי קוואל פלאסמא ביישטייערונג צענטערס וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט פעדעראלע געזעץ, דערביי ערמעגליכן פאר מער צענטערס זיך צו עפענען איבער׳ן סטעיט. פלאסמא איז א העכסט-נויטיגע הילפס-מיטל אין באהאנדלען דער קרענק און די לעגיסלאציע פארברייטערט צוטריט פאר ביישטייערונג.

**סענאטאר גוסטאווא ריווערא,** ״מיר דארפן פארזיכערן אז אונזערע געזעצן האלטן מיט די פארשריטן אין מעדיצין, און דורך מאכן א מער גלאטיגן סדר אויף וויאזוי פלאסמא ביישטייערונגען זענען אויטאריזירט צו אפערירן אין ניו יארק סטעיט וועט טון געגוי דאס דורך העלפן מער ניו יארקער באקומען צוטריט צו דער עפעקטיווער באהאנדלונג און אין דער זעלבער צייט אנהאלטן הויכע סטאנדארטן פון קעיר. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול פאר׳ן אונטערשרייבן דעם ביל אלס געזעץ, און פאר פארזעצן ווייטער צו ארבעטן צו פארבעסערן אונזער העלטקעיר סיסטעם עס צו מאכן מער צוגענגליך צו ניו יארקערס.״

**אסעמבלי-מיטגליד ריטשערד גאטפריעד האט געזאגט,** ״קוואל פלאסמא פארזאמלונג איז דער קריטישער ערשטער טריט אין שאפן טעראַפּיס פאר פאציענטן מיט בלוט אומארדענונגען, אוטו-אימון אומארדענונגען, און אנדערע לעבנס-דראענדע אומשטענדן. דער ביל וועט פארגרינגערן מער ביישטייערונגען דורך א מער צוגעפאסטע, און עפעקטיווע רעגולאטאר סיסטעם פאר קוואל פלאסמא צענטערס. איך לויב גאווערנער האקול, סענאט ביל ספאנסירער גוסטאווא ריווערא, און אסעמבלי ספּיקער קארל היעסטי פאר זייער הילף אין איינפירן דעם ביל אלס געזעץ.״

לעגיסלאציע S.4377/A.6222 פארלאנגט פון נורסינג-הײַמס אנצובאטן דאס איבערזעצן פון פאציענטן רעכטן אין די מערסט געניצטע נישט-ענגלישע שפראכן און פאדערט דאס ווייזן קאנטאקט אינפארמאציע פאר ניו יארק סטעיט׳ס לאנג-טערמיניגע אמבודסמאן פראגראם. דער פראגראם איז אוועקגעשטעלט געווארן אלס טייל פון די עלטערע אמעריקאנער אקט און אדוואקאטן פאר איינוואוינער דורך אויספארשן די טענות וואס ווערן געמאכט.

**סענאטארקע רעיטשעל מעי האט געזאגט,** ״עלטערע ניו יארקער און זייערע פאמיליעס נויטיגן זיך אין צוטריט צו אינפארמאציע אויף פילע טעמעס אויף צו קענען מאכן די בעסטע באשלוסן פאר זי און זייערע נאענטע און באליבטע. דער ביל וועט מאכט קריטיש-וויכטיגע אינפארמאציע אויף דעם לאנג-טערמיניגן אמבודסמאן פראגראם ווי אויך אויף די איינוואוינער׳ס ביל פון רעכטן, גרינגער און מער צוגענגליך. איך שטאלציר מיך צו האבן ספאנסירט דעם ביל און איך פריי זיך זייער צו האבן דעם גאווערנער עס איינשרייבן אלס געזעץ. ניו יארק סטעיט מוז ווייטער אנהאלטן צו טון אלץ וואס עס קען טון צו בעסער שטיצן אונזער וואקסנדע פארעלטערטע באפעלקערונג.״

**אסעמבלי-מיטגליד מאניקע וואלאס האט געזאגט,** ״אמבודסמאן אין לאנג-טערמיניגע קעיר איינריכטונגען פירן זיך ווי איינוואוינער אדוואקאטן, פארזיכערנדיג אז איינוואוינער ווערן פאסיג אויפגעפאסט און מען באגייט זיך מיט זיי שטענדיג מיט ארנטליכקייט. פאר אן אמבודסמאן צו זיין עפעקטיוו דארפן איינוואוינער וויסן וואס זיי דארפן טון און וויאזוי זיך צו פארבינדן מיט זיי. דער געזעץ פארלאנגט פון נורסינג-הײַמס און לאנג-טערמיניגע קעיר איינריכטונגען ארויסצושטעלן אינפארמאציע אויף דער אמבודסמאן פראגראם אין יעדע איינוואוינער׳ס צימער און צושטעלן איבערזעצונג אויף אנדערע שפראכן, כדי אז פאציענטן און זייערע פאמיליעס וויסן מיט וועמען זיך צו פארבינדן פאר הילף. איך דאנק גאווערנער האקול פאר איר איבערגעגעבנקייט צו פארבעסערן אונזער לאנג-טערמיניגע קעיר סיסטעם און שטיצן ניו יארק סיניאָרס.״

לעגיסלאציע S.3543/A.3050 פארלאנגען געוויסע פראפעסיאנעלן צו באזארגן אינפארמאציע איבער די פראקטיצירונג פון זייערע פראפעסיעס, און פאר דער סטעיט עדיוקעשען דעפארטמענט דאס איינצוזאמלען, אויף כדי צו פארברייטערן דאטע אויף ניו יארק׳ס העלטקעיר ארבעטסקראפט. די לעגיסלאציע וועט באזארגן א מער אקוראטע בליק פון ארבעטסקראפט פאדערונגען אין ניו יארק סטעיט.

**סענאטאר טאבי ען סטאוויסקי האט געזאגט,** ״דער קאָוויד-19 פאנדעמיע האט אנטדעקט פילע אומגלייכקייטן אין אונזער סטעיט׳ס העלטקעיר סיסטעם. דורך איינזאמלען און אנאליזירן די אינפארמאציע וועט דער העלט דעפארטמענט זיין בעסער אינפארמירט אויף וועלכע קאמיוניטיס זענען מערסט נויטבאדערפטיגט פאר קריטיש-וויכטיגע סערוויסעס, כדי אז זיי זאלן קענען אדרעסירן די געברויכן ווי נויטיג. דער געזעץ וועט העלפן פארזיכערן אז אלע ניו יארקער האבן גלייכבארעכטיגטע געלעגנהייטן צוצוקומען צו די העלטקעיר סערוויסעס וואס זיי דארפן.״

**אסעמבלי-מיטגליד פעטרישע פעהי האט געזאגט,** ״די קאָוויד-19 פאנדעמיע האט אנטדעקט א חסרון אין ניו יארק׳ס באקאנטשאפט אויף וויאזוי גע׳לייסענס׳טע העלטקעיר פראפעסיאנעלן פראקטיצירן. די

לעגיסלאציע גיבט פאר׳ן סטעיט העלט דעפארטמענט אינפארמאציע איבער וויאזוי פארשידענע פראקטיצירער און ספעציאליסטן ניצן זייערע לייסענסעס, אויף כדי צו בעסער אדרעסירן די פעלערן וואס געפונען זיך אינערהאלב ניו יארק׳ס העלטקעיר ארבעטסקראפט, ווי אויך זיך גיך אפצורופן צו צוקונפטיגע אויפקומענדע פובליק געזונטהייט דראונגען. א דאנק אייך גאווערנער האקול פאר׳ן אונטערשרייבן די פשוט-שכל׳דיגע לעגיסלאציע אלס געזעץ און צו סענאטאר סטאוויסקי פאר איר אדוואקאטיר ארבעט אין דעם סענאט.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן